# וכל מאמינים

## א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת ויצא תשפ"ד שנה י | גליון מס' 509



בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן

ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


# פניני אמונים

**פערל ווערטער**
**אויף תפילה אין די פרשה**

## תפילת ערבית איז א רשות

**"וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם וַיָּלֶן שָׁם כִּי בָא הַשֶּׁמֶשׁ וַיִּקַּח מֵאַבְנֵי הַמָּקוֹם וַיָּשֶׂם מְרַאֲשֹׁתָיו וַיִּשְׁכַּב בַּמָּקוֹם הַהוּא"** (כח יא)

דאס ווארט "וַיִּפְגַּע", ערקלערן חכמים (ברכות כו ב) אז דאס איז פון לשון תפילה, און מען לערנט ארויס פון דעם אז 'יעקב האט מתקן געווען תפילת ערבית'. די גמרא (שם כז ב) לייגט צו אז אנדערש ווי די תפילות שחרית און מנחה וואס איז א חיוב, איז תפילת ערבית נאר א רשות. און פארוואס איז פונקט תפילת ערבית וואס יעקב האט מתקן געווען, נישט באשטימט געווארן אלס חוב, טראץ וואס ער איז געווען דער בחיר האבות (ב"ר עו א)?

**ערקלערט רבי יוסף שאול נאטאנזאהן:**

לכתחילה האט יעקב נישט געפלאנט צו מתקן זיין א נייע תפילה, נאר צו מתפלל זיין תפילת מנחה וואס זיין פאטער האט מתקן געווען. אבער וויבאלד די זון איז אונטערגעגאנגען פאר דער צייט (ב"ר סח י), איז אויסגעקומען אז זיין דאווענען איז געווען נאך זמן תפילת מנחה, און אזוי איז באשטימט געווארן לדורות אז מען זאל צולייגן צו די צוויי תפילות - שחרית און מנחה - די תפילה וואס יעקב האט מתפלל געווען ביינאכט. און וויבאלד יעקב האט לכתחילה נישט געפלאנט עס צו מתקן זיין, איז עס באשטימט געווארן אלס רשות און נישט אלס חיוב.

**נאך ערקלערט רבי משה האלבערשטאם:**

דער בעל ה'תורת חיים' מאכט שווער אויף דעם וואס די חכמים האבן געזאגט אז אין יענער צייט האט יעקב מתקן געווען תפילת ערבית (סנהדרין צה ב): פארוואס האט יעקב מתקן געווען די תפילה פונקט זייענדיג אינמיטן וועג מיט אן אנגעלאדנט הארץ? און ער ענטפערט: וויבאלד די זון איז פלוצלינג אונטערגעגאנגען און וואס ער זאל אניאגן מנחה, האט ער זיך אוועקגעשטעלט דאווענען מעריב צו משלים זיין דורכדעם די פארפעלטע מנחה. און ווי די חכמים האבן געזאגט (ברכות כו א): "טעה ולא התפלל מנחה, מתפלל ערבית שתיים", איינער וואס האט נישט געדאוונט מנחה, דאוונט צוויי מאל מעריב - איינס פאר מעריב און איינס צו משלים זיין די פארפעלטע מנחה. אויף די ווערטער קען מען ערקלערן, אז וויבאלד די גאנצע סיבה פון מעריב איז לכתחילה געמאכט געווארן נאר צו משלים זיין א מנחה, איז עס באשטימט געווארן אלס רשות און נישט אלס חוב.

'דברי שאול'; שו"ת 'דברי משה' סי' טו

## בעטן קודם אויף רוחניות

**"וַיִּדַּר יַעֲקֹב נֶדֶר לֵאמֹר אִם יִהְיֶה אֱלֹקִים עִמָּדִי וּשְׁמָרַנִי בַּדֶּרֶךְ הַזֶּה אֲשֶׁר אָנֹכִי הוֹלֵךְ וְנָתַן לִי לֶחֶם לֶאֱכֹל וּבֶגֶד לִלְבֹּשׁ"** (כח כ)

אין מדרש (ב"ר ע ד) ווערט ערקלערט, אז זאגנדיג "וּשְׁמָרַנִי בַּדֶּרֶךְ הַזֶּה אֲשֶׁר אָנֹכִי הוֹלֵךְ", האט יעקב אבינו געבעטן אז דער באשעפער זאל אים אפהיטן פון זינד. רבי צבי הירש מארגנשטערן פון ליקאווע האט געזאגט אז פון יעקב'ס תפילה קען מען זיך לערנען לדורות ווי אזוי צו דאווענען, ווי די חכמים האבן גע'דרש'נט (שם א): "וַיִּדַּר יַעֲקֹב נֶדֶר לֵאמֹר" - "וואס איז 'לאמר' לדורות!"; אזוי ווי יעקב וואס האט קודם געבעטן ער זאל נישט נכשל ווערן אין זינד און נאר דערנאך האט ער געבעטן: "וְנָתַן לִי לֶחֶם לֶאֱכֹל וּבֶגֶד לִלְבֹּשׁ", אזוי דארף יעדער מענטש קודם בעטן זיינע רוחניות'דיגע בקשות, און נאר דערנאך אויף זיינע גשמיות'דיגע געברויכן.

'ויען יוסף' [לר"י מאנדלקארן] עמ' ל

# פתחו שערים

**די ווארט פונעם**
**גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'**

## אמן – דער הימלישער שוץ מויער

איבער די שמירה און שוץ וואס מיר זענען זוכה ביים ענטפערן אמן, האט אונז שוין אליהו הנביא זכור לטוב אנטפלעקט, ווי עס ווערט געברענגט אין תנא דבי אליהו (רבא יא): "בזכות מי הקדוש ברוך הוא נפרע לישראל מאומות העולם? בבני אדם שהם משכימים ומעריבים לבית הכנסת ולבית המדרש ועונים אמן" - אין וועמענ'ס זכות וועט דער באשעפער אויסלייזן די אידן פון די פעלקער? אין די זכות פון די וועלכע גייען אין שול בייטאג און ביינאכט און ענטפערן אמן.

דאס אידישע פאלק איז געגליכן צו א שעפעלע צווישן זיבעציג וועלף וועלכע סטראשען איר צו פארצוקן. אין יעדן דור ווילן די פיינט אונז פארלענדן, און מיר אלע זעען ליידער היינטיגע צייטן ביז ווי ווייט עס דערגרייכט, און אט קומט אליהו דער מבשר הגאולה און שענקט אונז א וואונדערליכע סגולה וואס זאל אונז היטן פון איין זייט, און זאל פון צווייטן זייט נקמה נעמען אין אונזערע פיינט, דאס איז די מצוה פון ענטפערן אמן.

כ'האב געטראכט אז דער ענין איז מרומז אין דעם פסוק וואס ברענגט אראפ די גרויסקייט פון ענטפערן אמן (ישעיה כו ב): "פִּתְחוּ שְׁעָרִים וְיָבֹא גוֹי צַדִּיק שֹׁמֵר אֱמֻנִים". דער פסוק מיינט דא "שֹׁמֵר" - תרתי משמע. דער וואס היט אויף דער מצוה פון ענית אמן, איז דער 'שומר' און באשיצער פאר כלל ישראל. די אמת'ע מלחמה פירט זיך נישט דא, נאר אויבן אין הימל, און די זכות פון ענטפערן אמן וועט באזיגן די פיינט און אונז אויסלייזן פון זיי.

דאס איז אויך מרומז אין דעם חלום פון יעקב אבינו וואס ווערט געברענגט אין אונזער פרשה: "וַיַּחֲלֹם וְהִנֵּה סֻלָּם מֻצָּב אַרְצָה וְרֹאשׁוֹ מַגִּיעַ הַשָּׁמָיְמָה וְהִנֵּה מַלְאֲכֵי אֱלֹקִים עֹלִים וְיֹרְדִים בּוֹ". יעקב האט געזען ווי די מלאכים פון אמן [ווי עס איז באקאנט אז 'אמן' איז בגימטריא 'מלאך'] גייען ארויף צו מלמד זכות זיין אויף די אידן, און זיי קומען צוריק כדי זיי צו באשיצן אין א צרה. און מען זעט עס אין תהלים (צא יא): "כִּי מַלְאָכָיו יְצַוֶּה לָּךְ לִשְׁמָרְךָ בְּכָל דְּרָכֶיךָ". ס'איז וואונדערליך צו זען אז ווען מען וועט רעכענען די סופי תיבות פון דעם פסוק [אויסער די לעצטע ווארט 'דרכיך'] וועט עס אויסקומען פונקט איין און ניינציג, ווי די גימטריא פון אמן.

כ'האב געטראכט צו צולייגן אז ביים זאגן (תהלים קל ו): "שֹׁמְרִים לַבֹּקֶר", האט דוד המלך מכוון געווען קעגן די וועלכע שטייען אויף צופרי צו קומען אין שול און ענטפערן אמן. די דאזיגע מענטשן באשיצן זיך און גאנץ כלל ישראל מיט די בעסטע און זיכערסטע באשיצונג.

**גוט שבת,**

יעקב דוב מארמאראשטיין

# מעשי אמונים

## א וועכנטליכער ערציילונג אויף אמן און תפילה

## — דאס לאנד וואו אירע שטיינער זענען בריליאנטן —

**צום יארצייט פון הגה"ק בעל ה'בת עין' זי"ע וואס פאלט אויס י"ב כסלו, ברענגען מיר א מעשה וואס ברענגט ארויס אביסל פון זיין גרויסקייט, הייליגקייט, און וואונדערליכקייט.**

די אייראפעאישע אידן זענען שוין געווען צוגעוואוינט צו זען פון מאל צו מאל 'שד"רים', די באקאנטע משולחים פון ארץ הקודש וועלכע האבן גענומען דעם וואנדער-שטעקן אין האנט וואלגערנדיג זיך אויף די לאנגע וועגן פון ארץ ישראל קיין אייראפע, צו מזכה זיין נאך אידן מיט דער שותפות צו שטיצן ארעמע תלמידי חכמים פון ארץ הקודש.

אין דער תקופה וואס הגה"ק רבי אברהם דוב פון אווריטש, דער בעל ה'בת עין', האט געדינט אלס אב"ד אין שטאט זיטאמיר אין אוקריינע, האבן זיי די משולחים נאכאנאנד באזוכט. עס איז געווען באוואוסט אז דארט וועלן זיי באקומען א ספעציעלע אויפנאמע, וואו דער מרא דאתרא האט זיי ארויסגעוויזן א זעלטענע ליבשאפט, א זאך וואס האט צוגעברענגט אז אויך די שטאט-לייט זאלן זיי שעצן און שענקען מיט א ברייט הארץ.

רבי אברהם דב, וואס האט זייער ליב געהאט ארץ ישראל, האט אלע זיינע יארן געגלוסט ארויפצוגיין דארט און באטרעטן איר באדן, האט אויך מכבד געווען אירע איינוואוינער דאס מערסטע וואס ער האט נאר געקענט. דעריבער האט ער געזארגט אריינצונעמען אין זיין הויז יעדן שד"ר וואס איז אנגעקומען



דער אווריטש געסל אין צפת,
וואו עס שטייט די שול פונעם 'בת עין'

פון ארץ הקודש, און האט געשמועסט מיט אים לאנגע שעות איבער די גרויסקייט פון די הייליגע לאנד.

אין איינע פון די טעג איז אנגעקומען קיין זיטאמיר א חשוב'ער משולח וואס האט אויסגעזען צו זיין ספעציעל אין אלעס. אויך ער, ווי אלע פריערדיגע, האט זוכה געווען מען זאל אים מכבד זיין ווי עס פאסט אין הויז פונעם מרא דאתרא דער 'בת עין', און אויך ער ווי זיינע פריערדיגע, איז געבעטן געווארן צו דערציילן איבער די גרויסקייט פון ארץ ישראל.

גאנץ שנעל איז באקאנט געווארן אז דער משולח איז 'תוכו כברו'. ווי נאר ער האט געעפנט זיין מויל זענען אלע געווארן צוגעשמידט צו זיינע רייד. ער האט אזוי באלויבט ארץ ישראל, און זיינע שילדערונגען זענען געווען אזוי לעבעדיג און עכט, אז די אנוועזנדע האבן געפילט ווי זיי וואלטן זיך יעצט געפונען אין ארץ הקודש און געאטעמט אירע לויטערע לופט. מיט זיינע שפאנענדע שילדערונגען האט דער משולח 'שפאצירט' מיט זיי פון צפון ארץ ישראל ביז דרום, און אין יעדן ארט וואו ער איז 'אריבער' האט ער פארגעשטעלט די ספעציעלע הייליגע לופט וועלכע הערשט דארט.

אינמיטן די רייד האבן די אנוועזנדע זיך נישט געקענט איינהאלטן פוןווארפן א בליק אויפן 'בת עין' וואס איז מער און מער באגייסטערט געווארן און זיין געזיכט האט געפלאמט מיט אן אש קדושת הארץ. דער משולח האט שוין געהאלטן ביים ענדיגן, אבער דער 'בת עין' האט אים געמוטשעט אז ער זאל ווייטער דערציילן...

האט דער משולח ווייטער געשילדערט, מיט נאכמער פארברייטערטע שילדערונגען, די הייליגע שטעט און די גרויסקייט פון אירע איינוואוינער, ביז ווען ער האט געפילט אז ער האט שוין מער נישט וואס צו דערציילן. ער האט געוואלט ענדיגן, אבער וויבאלד דער 'בת עין' האט געוואלט הערן נאך, האט ער צוגעלייגט נאך א זאץ וואס איז געווען ספעציעל באדייטפול פאר'ן 'בת עין'.

"כ'ווייס נישט אויב איר וועט עס קענען פארשטיין", האט דער משולח געזאגט, אויסגלייכנדיג א טיפזיניגן בליק צו די צוהערער, "אבער דאך קען איך אייך נישט **נישט** זאגן אז ארץ ישראל איז אזוי וואונדערבאר, אז אפילו די שטיינער וועלכע וואלגערן זיך אין די גאסן, זענען נישט קיין איינפאכע שטיינער, זיי זענען בריליאנטן!"

דא האט דער מענטש געענדיגט דערציילן און האט זיך געוואנדן צו זיין ציל. ווי ערווארטעט, האט זיך דאסמאל נאכמער געעפנט די הערצער פון די אנוועזנדע, און דער משולח איז ארויסגעגאנגען מיט פולע טאשן.

אבער דער 'בת עין' האט זיך נישט געקענט בארואיגן. זיין גלוסטעניש צו ארץ ישראל איז אזוי געשטיגן, אז ער האט עס נישט געקענט אויסהאלטן, און א שטיק צייט שפעטער האט ער טאקע אויסגעפירט זיין לאנגיעריגע וואונטש. ער האט איינגעפאקט זיינע פעקלעך און האט זיך ארויסגעלאזט צום לאנגן, שווערן וועג קיין ארץ הקודש.

אין יאר תקצ"א, זייענדיג איבער זיבעציג יאר, האט דער 'בת עין' ענדליך זוכה געווען צו באטרעטן דעם הייליגן באדן. אנקומענדיג אין לאנד, איז ער ארויף וואוינען אין שטאט צפת, וואו ער איז גערופן געווארן צו דינען אלס רב פאר די חסידים וועלכע האבן געוואוינט אין צפת.

א תקופה שפעטער האט דער 'בת עין' באגעגנט יענעם משולח, און נאכ'ן באגריסן האט ער אים געזאגט: "איך האב א פראגע צו דיר: לעצטנס בין איך ארויפגעקומען דא אין לאנד, און כ'האב זיך איבערצייגט אז אלעס וואס דו האסט געזאגט איז אמת ויציב. זינט איך בין דא הער איך נישט אויף זען נאך און נאך פון איר גוטסקייט און הייליגקייט, איך פיל אויף מיינע ביינער דעם פסוק (דברים יא יב) 'ארץ אשר ... עיני ה' אלוקיך בה מראשית שנה ועד אחרית שנה', כ'דריי מיך אין לאנד און ווער נישט זאט פון זען איר שיינקייט און שפירן איר הייליגקייט.

"דאך, איין זאך וואס דו האסט געזאגט האב איך נישט זוכה געווען צו פילן; האסט געזאגט ביים ענדיגן רעדן, אז די שטיינער פון לאנד זענען נישט איינפאכע שטיינער נאר בריליאנטן, און יעצט, נאך א לאנגע תקופה וואס איך האב זוכה געווען צו וואוינען דא אין לאנד האב איך זיך נאכנישט אנגעטראפן אין קיין איין אזא שטיין - די שטיינער זעען אויס ווי געווענליכע שטיינער..."

הערנדיג די רייד האט זיך דער משולח אפגעשטעלט, אריינגעטראכט א מינוט און געלאזט פאלן פילדייטנדע רייד: "איך האלט ווייטער אזוי; די שטיינער פון ארץ ישראל זענען נישט קיין פשוט'ע שטיינער, זיי גלאנצן ווי בריליאנטן, נאר נישט יעדער איז זוכה דאס צו זען..." און ער איז ווייטער געגאנגען זיין וועג.

זינט דאן האט דער 'בת עין' נישט גערוט; עס איז דא א העכערע דרגה צו וואס ער האט נישט זוכה געווען! ער האט עס נישט געקענט אריבערטראגן. פון יענער מינוט און ווייטער האט ער זיך פארמאכט אין זיין צימער א לאנגע צייט, וואו ער האט אויסגעגאסן זיין הארץ בדמעות שליש בעטנדיג א טיפהארציגע תפילה אז דער באשעפער זאל אים אויפלייכטן די אויגן, אז ער זאל אויך זוכה זיין צו זען די שיינקייט פון די ארץ ישראל'דיגע שטיינער.

א שטיק צייט שפעטער האט דער 'בת עין' איינגעלאדנט זיין חבורה צו א גרויסע סעודה. צו זייער וואונדער פראוואס פראוועט דער רבי א סעודה אין אן איינפאכן וואכנטאג, האט דער רבי זיי ערקלערט מיט התרגשות:

"היינט האב איך בחסדי ה' זוכה געווען צו זען אז די ארץ ישראל'דיגע שטיינער לייכטן און שיינען ווי בריליאנטן. איך בין איבערצייגט געווארן אז דאס איז אמת, און ווער עס איז נישט זוכה עס צו זען, זאל וויסן אז דאס איז נישט קיין חסרון אין די שטיינער, נאר אין אים זעלבסט."

'תולדות אדם' הנדפס בסוף ספר 'בת עין', עמ' שכח

# דרך אמונים

## הלכות פון ענטפערן אמן

# ענטפערן אמן – א טייל פון דער ברכה

### די כהנים ווארטן אויפ'ן ענטפערן אמן

**ווען די כהנים בענטשן די אידן, דארפן זיי ווארטן ביים אנפאנגען יעדע פון די דריי פסוקי הברכה, ביז ווען דער ציבור ענדיגט ענטפערן אמן אויף די פריערדיגע ברכה, און אפילו אויך אויף די ווייניג מענטשן וואס זענען מאריך ביים ענטפערן אמן. אזוי אויך, דער וואס זאגט עטליכע ברכות נאכאנאנד צו מוציא זיין דעם ציבור, ווי צום ביישפיל אידערן ליינען די מגילה וואו מען זאגט: ""על מקרא מגילה", "שעשה ניסים" און "שהחיינו", איז דער מברך נישט ערלויבט צו אנפאנגען די ברכה אידער דער גאנצער ציבור האט געענדיגט ענטפערן אמן אויף דער פריערדיגער ברכה.**

### מקורות וביאורים:

אף שלגבי בציעת הפת נפסק ב'שלחן ערוך' (קסז טז) שאין להמתין על המיעוט המאריכים לענות אמן יותר מדי, לפי שאין עניתם נחשבת לחלק מן הברכה, מכל מקום, לגבי נשיאת כפיים פסק השו"ע (קכח יח) שצריכים הכוהנים להמתין גם על המאריכים בעניית אמן. זאת משום שכל הציבור מחויב לשמוע את ברכת הכוהנים במלואה, ואם יתחילו הכוהנים לברך לפני שסיימו המאריכים בעניית אמן, לא ישמעו הללו את הברכה במלואה ('משנה ברורה' שם סה, ע"פ תוספות סוטה לט ב ד"ה עד).

ה'מגן אברהם' (קכד טו) למד מכך שאף בשאר ברכות שהציבור יוצא בהן ידי חובתם, על המברך להמתין עד שיסיים הציבור כולו לענות אמן, כדי שאף המאריכים בעניית אמן שלא כדין ישמעו את הברכה במלואה. וכן פסקו שו"ע הרב (קכד יב) וה'משנה ברורה' (שם לח).

# אוצרות אמונים

## ענטפערן אמן מיט כוונה

### אמן בכוונה עפנט שערי החכמה

אין א ספעציעלן בריוו ברענגט דער מקובל רבי נפתלי הערץ הלוי, דער רב פון יפו, די טיפקייט פונעם באדייט פון ענטפערן אמן, און אזוי ענדיגט ער צו זיין בריוו:

"דא ווערט קלאר אז די כוונה פון די חכמים ביים זאגן (שבת קיט ב) 'העונה אמן בכל כוחו', מיינען זיי מיט'ן גאנצן כח פונעם אמן, דאס מיינט אז אלע כוונות וואס מיר האבן ערקלערט ביז דא זענען גאר טיפע כוונות וואס איז שווער צו משיג זיין. און דאס האט רש"י געמיינט ביים זאגן אז 'בכל כוחו' מיינט 'בכל כוונתו', אז מען דארף אסאך כוחות צו צוקומען צו דער טיפער כוונה פון אן אמן...

די עצה פאר ווער עס קען נישט אינזין האבן די אלע אויבנדערמאנטע כוונות: ער זאל אינזין האבן פשוט פשט וואס פארמאגט שוין אין זיך אלע כוונות, דאס מיינט ער זאל אינזין האבן אז ער זאגט ארויס דאס ווארט פון מויל, און דער באשעפער מיט זיין חסד וועט שוין טון די תיקונים וואס פאדערט זיך מיט'ן ענטפערן אמן. ער זאל אינזין האבן צו בעטן רחמים פון השי"ת אז ער זאל טאקע טון מיט זיין חסד אלע תיקונים וואס זענען אנגעוויזן אין דעם. ('כתר מלוכה' עמ' רעו).

### די כוונה פון אמן מעיקר הדין

רבי בנימין זילבער, פון 'אז נדברו' באטאנט, אז די יסוד פון ענטפערן אמן איז די כוונה. דעריבער, בשעת'ן זאגן די ברכות דארף דער צוהערער מקפיד זיין גוט אויסצוהערן די ברכה און נישט אינזין האבן קיין שום אנדער זאך, אפילו נישט א געדאנק איבער תורה און מצוות, ווייל מיט יעדע היסח הדעת קען ער נכשל ווערן אין ענטפערן אמן נישט בכוונה. ער לייגט צו אז "דאס איז נישט קיין מידת חסידות, נאר מעיקר הדין."

דערויף איז אויך דער פסוק מעורר זאגנדיג (ישעיה כו ב): "שֹׁמֵר אֱמֻנִים": 'שֹׁמֵר' קען מען טייטשן ווי ווארטן, (זע רש"י ישעיה שם), אז כדי צו ענטפערן אמן בכוונה, דארף מען ווארטן איידער'ן ענטפערן, צו קענען הערן גוט די ברכה און מכוון זיין דערויף. ('בית ברוך' על ה'חיי אדם' ח"א עמ' קמה).

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער ליינער

לכבוד הרב יעקב דב מארמארשטיין און די שטאב פון בני אמונים

מיט גרויס אינטערעס האב איך געליינט דעם רירנדן ארטיקל פון דעם אינטערוויו מיט די אכט וואונדערבארע אידן, א ביישפיל פון אסאך אנדערע וועלכע געבן אוועק יעדן טאג אסאך צייט צו ענטפערן אמן נאך די ברכות השחר פון די מתפללים. אשרי חלקם, ואשרי חלקכם!

ס'איז באקאנט וואס צדיקים האבן געזאגט איבער דעם מאמר פון די חכמים (שבת קיט ב) "כל העונה אמן בכל כוחו פותחים לו שערי גן עדן", פארוואס האבן זיי געזאגט 'פותחים' בלשון הוה? נאר דאס איז ווייל מען עפנט זיי די טויערן פון גן עדן ממש יעצט, נאך אויף דער וועלט. אויך איך זאג: די שמחה של מצוה פון די דאזיגע אידן שפראצט ארויס פון צווישן די שורות, און עס דערקענט זיך אויף זיי אז זיי לעבן ווי אין 'א גן עדן אויף דער וועלט'.

"אמת מה נהדר" [ר"ת אמן], ווי שיין איז דער געשטאלט פון די שלוחי מצוה וועלכע געבן זיך איבער דערויף מיט'ן גאנצן הארץ. אויף זיי קען מען אויסרופן דאס וואס ווערט געברענגט אין ספרים: אמן איז ר"ת 'אני מוסר נפשי' - וויבאלד זיי זענען זיך מוסר נפש, פשוטו כמשמעו, פאר דער מצוה. און עס איז קיין צווייפל נישט אז זייער מלאכה - מלאכת שמים - ברענגט די געוואונטשענע פרוכט, ווען פיל אנדערע לערנען זיך פון זיי.

די דאזיגע אידן, און אויך די אנדערע וועלכע זענען זיך מוסר נפש צו פארמערן אמן, בויען אן אמונה מויער און א שוץ-מויער ארום די אידן, ווי עס איז באקאנט די גרויסקייט פון ענטפערן אמן. כ'האב געוואלט ברענגען א רמז אויף דער געוואלדיגער כח פון ענטפערן אמן, אז די ראשי תיבות פון די ווערטער "א-ל פועל ישועות", וואס מיר זאגן יעדן צופרי פאר קריאת שמע, איז בגימטריא אמן.

איר זאלט ווייטער קענען טון און אויפטון צו שטארקן און פאבריצירן חומות עניית אמן ביי אידישע קינדער.

**ווי עס ווינטשט**
**פנחס אברהם שיינבערג,**
**ברוקלין ניו יארק**

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס: 9139191@gmail.com

ברכות השחר כהלכה: בקול, בכונה, בחברותא

# שערי ישועה

## די סגולה פון ענטפערן אמן

### צדיק שומר אמונים

חנוכה תשע"ב איז נפטר געווארן הגה"ח רבי משה ווייס זצ"ל, אן אוד מוצל מאש וואס האט מיט גבורה איבערגעלעבט די שרעקליכע וועלט-קריג.

אין אוישוויץ האט ער זיך שטארק באפריינדעט מיט כ"ק מרן האדמו"ר מקלויזנבורג זצ"ל, וואס האט זיך שפעטער משדך געווען מיט אים. ביי דער ענדע פון דער מלחמה האט דער רבי' עוסק געווען אין א שווערע אויסמאטערנדע עבודת קודש - באגראבן די מתי מצוה, די גע'הרג'עטע פונעם טויט-מארש וועלכע האבן זיך געוואלגערט אויפ'ן פעלד. רבי משה האט אים באגלייט און האט צוזאמען מיט אים עוסק געווען אין די עבודת קודש.

אין איינע פון די טעג, ווען רבי משה האט געפילט ווי זיינע כוחות ענדיגן זיך און זיין קערפער צעברעכט זיך פון די שווערע אויסמאטערנדע ארבעט, האט דער רבי' אים געוואלט מחזק זיין און האט אים געזאגט: "וואס דו וועסט מיר יעצט בעטן, זאג איך דיר צו דיר צו געבן!"

רבי' משה האט נישט פארפאסט די זעלטענע געלעגנהייט; "איך בעט פונעם רבי'ן ער זאל מיר צוזאגן אז אלע מיינע קינדער וועלן זיין בקי' אין אלע 'תוספות' אין ש"ס", האט ער ספאנטאניש געזאגט. דער רבי' איז איבערראשט געווארן פון זיין בקשה, און האט נישט געקווענקלט עס נאכצוגעבן. ער האט אים ווארעם געבענטשט און דער צוזאג איז טאקע מקיום געווארן: ר' משה'ס זיבן זין שליט"א זענען היינט פון די גרעסטע חכמים פון אונזער דור.

איינע פון די מצוות וועלכע זענען געווען דאס מערסטע באליבט ביי רבי' משה און האט אים באגלייט דורכאויס זיין גאנצן לעבן, איז געווען מצוות ענית אמן בכלל, און איבערהויפט נאך ברכות השחר; יעדן טאג האט ער זיך צוגעהערט און געענטפערט אמן נאך הונדערטער(!) ברכות השחר וועלכע זענען געזאגט געווארן דורך פילע מתפללים, און ווען ער איז עלטער געווארן און עס איז אים שווערער געווארן ארויסצוגיין פונדערהיים, זענען זיינע קינדער און אייניקלעך געקומען צו אים זאגן די ברכות און ער האט מיט שמחה געענטפערט.

דאס איז געווען די לעצטע נאכט פון זיין לעבן. די ליניעס וועלכע זענען געשפרינגען ארויף און אראפ אויף די מאשינען ארום אים האבן געוויזן אז דאס זענען די לעצטע מינוטן. די פאמיליע מיטגלידער - קינדער און אייניקלעך - זענען געשטאנען ארום זיין בעט, און ווען דער צייכן איז געגעבן געווארן האבן זיי אנגעהויבן זאגן ווידוי און קריאת שמע.

און אט האט זיך אפגעשפילט א וואונדערליכע זאך: ווען זיי האבן געענדיגט אויסרופן 'שמע ישראל' האבן די קינדער באמערקט אז די ליניעס באלאנסירן זיך און דער זיידע קערט זיך צוריק צום לעבן. א שטראל פון האפנונג האט זיך ארייגעכאפט אין זייערע הערצער, און זיי האבן אנגעהויבן זאגן תהילים פאר זיין רפואה, אבער אפאר מינוט שפעטער האבן די ליניעס ווייטער אנגעהויבן טראסקען. ווידער האבן די מיטגלידער אנגעהויבן זאגן ווידוי און קריאת שמע, און אויך דאסמאל האבן זיך די ליניעס באלאנסירט. די לויטערע נשמה פונעם זיידן האט זיך ווי קעגנגעשטעלט ארויסצוגיין פון זיין קערפער. די ליניעס זענען ארויף און אראפ דורכאויס די נאכט, און עס האט אויסגעזען אז זיין נשמה גלוסט צו עפעס אומבאוואוסט וואס זאל איר העלפן ארויסצוגיין פונעם ערדישן קערפער לעולם שכולו טוב.

דערווייל האט די זון אויפגעשיינט. ס'איז געקומען די צייט פון זאגן ברכות השחר, און פלוצלינג איז איינעם פון די אייניקלעך איינגעפאלן א גדאנק: "מיר ווייסן דאך אלע ווי ווייט דער זיידע האט מקפיד געווען צו הערן ברכות השחר, צענדליגע מאלן יעדן טאג. אפשר זאלן מיר אויסנוצן די געלעגנהייט אים צו מזכה זיין מיט'ן הערן די ברכות ווילאנג זיין נשמה איז נאך מיט אונז."

ווי ביי זיין לעבן, האבן זיך די אייניקלעך אוועקגעשטעלט זאגן די ברכות און ענטפערן אמן. דער זיידע איז געלעגן אויפ'ן בעט אן קיין ריר, אבער זיינע אייניקלעך זענען געווען זיכער אן קיין צווייפל: ער הערט זיך צו און ענטפערט!

געציילטע הייליגע מינוטן זענען פארביי, און ווען אלע האבן געענדיגט זאגן די ברכות האבן זיי צוזאמען געליינט קריאת שמע בכוונה און רבי' משה האט צוריקגעגעבן זיין לויטערע נשמה.

אין די שבעה טעג, זענען פיל מענטשן נתעורר געווארן הערנדיג די וואונדערליכע מעשה, און איינער האט צוגעלייגט מיט התפעלות: זעט אויס אז נישט אומזיסט האט רבי' משה מאריך ימים געווען ביז די ניינציגער יארן, ווייל ער האט דאך אלע יארן מקפיד געווען מיט מסירות נפש צו ענטפערן ניינציג אמנים יעדן טאג.

ווי געהערט פון זיין אייניקל, הגה"ח ר' **אברהם בעקערמאן** שליט"א,
ראש ישיבת טשעכנוב

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



דער ציון הק' פונעם מהרש"ל אינעם אלטן בית הקברות אין לובלין

### המהרש"ל

#### י"ב כסלו של"ד

רבי שלמה לוריא איז געבוירן געווארן צו זיין טאטן רבי יחיאל אב"ד סלאצק. אין זיין יוגנט איז ער געווארן א יתום פון זיין טאטן און איז אויפגעוואקסן געווארן ביי זיין זיידן, זיין מאמע'ס טאטע, רבי יצחק קלויבער פון ווארמייזא, פון וועמען ער האט מקבל געווען רוב פון זיין לערנען.

שוין אין זיינע יונגע יארן איז דער מהרש"ל געווען באוואוסט אלס איינער פון די גרעסטע גדולים פון דור, און מען האט זיך אנגעהויבן ווענדן צו אים מיט שאלות אין הלכה אפילו פון ווייטע לענדער. דערנאך האט מען אים גערופן צו דינען אלס רב אין פארשידענע שטעטלעך אין פוילן און אין ליטא, צווישן זיי בריסק, אוסטראה און לובלין, און אין יעדן ארט וואו ער איז געווען האט ער דארט פארשפרייט תורה אין ישיבה. אויסער זיין געוואלדיגן גדלות אין תורה איז דער מהרש"ל געווען באוואוסט אלס צדיק און קדוש. דער חיד"א שרייבט ('שם הגדולים' מערכת ספרים ראשית חכמה) אז דער מהרש"ל האט געשטעלט אויף זיך א מוכיח און איז געזעסן קעגן אים מיט אזא יראה ווי ער זעלבסט וואלט געווען איינער פון די פשוטי העם.

א געוואלדיגע עבודה האט ער ארייגעלייגט אין פארפאסן זיינע ספרים 'ים של שלמה', וואו ער ערקלערט און איז מכריע ביי יעדע סוגיא ווי אזוי מען זאל זיך פירן להלכה און למעשה. לויט ווי זיינע תלמידים זאגן (אין הקדמה צו מסכת ב"ק) האט ער געשריבן דעם חיבור אויף זיבעצן מסכתות פון ש"ס, אבער אונז איז איבערגעבליבן נאר אויף זיבן מסכתות.

דער מהרש"ל איז נפטר געווארן י"ב כסלו של"ד זייענדיג פיר און זעכציג יאר, מען האט אים באערדיגט אינעם אלטן בית החיים אין לובלין.

### אמן איז דער חותם הברכה

אין זיין ספר 'עמודי שלמה' אויפן סמ"ג (עשה כז) ערקלערט דער מהרש"ל אז נאר דורכ'ן ענטפערן אמן, באקומט די ברכה א חשיבות, ווי די חכמים האבן געזאגט (ברכות נג ב): "גדול העונה יותר מן המברך". אין זיינע רייד פארגלייכט ער די ברכה צו א שטר, דאס מיינט דעם טייל וואו עס ווערט געברענגט די איינצעלהייטן פונעם שטר, און דאס ענטפערן אמן - צו דער אונטערשריפט פון די עדים וועלכע בארעכטיגן דאס וואס שטייט געשריבן אינעם שטר. "אזוי ווי דער שטר איז גארנישט ווערד ביז ווען די עדים שרייבן אונטער דערויף, אזוי אויך איז די ברכה נישט (אזוי ווייט) חשוב ביז ווען מען וועט דערויף ענטפערן אמן, ווייל דאס איז דער אונטערשריפט, אמן איז דער חותם הברכה. דער מהרש"ל ענדיגט צו זיין הסבר מיט די ווערטער "אזוי האב איך מקבל געווען."